**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר קעטי האקול שליסט זיך אן מיט ניו יאָרק סיטי באאמטע און אקטיוויסטן צו פייערן דאס אונטערשרייבן סעמי'ס געזעץ**

***געזעץ ערלויבט ניו יאָרק סיטי צו פארמינערן ספיד לימיט און ראטעווען לעבנס***

גאווערנאר קעיטי האקאל אינאיינעם מיט ניו יאָרק סיטי מעיאר עריק אדאמס, ניו יאָרק סיטי באאמטע, און אקטיוויסטן צו פייערן דאס אריינפירן סעמי'ס געזעץ אלס טייל פון די פיסקל יאר 2025 בודזשעט אפמאך. נאך א יאר צענדליג פון אדוואקאסי, וועט דער געזעץ ערלויבן ניו יאָרק סיטי צו פארמינערן איר ספיד לימיט צו 20 מייל פער שטונדע אויף כמעט יעדע שאסיי, וואס וועט פארמינערן די ריזיקע פון טויט אדער לעבנס-דראענדע שעדיגונג אין אן עקסידענט. די לעגיסלאציע איז אין נאמען פון סעמי קאהען עקשטיין, א 12 יעריג קינד וועלכע איז געשטארבן אין 2013 נאכדעם וואס א דרייווער האט אריינגעקראכט אין אים אין פארק סלאופ, ברוקלין.

"צופיל קינדער זענעם באטראפן און גע'הרג'עט געווארן דורך קארס וואס פארן צו שנעל דורך אונזערע סיטי גאסן, ווען דאס צעטרייסלט פאמיליעס און טראומאטיזירט קאמיוניטיס," **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "מיר פייערן דאס אריינפירן אין געזעץ סעמי'ס געזעץ וואס וועט ערמעגליכן ניו יאָרק סיטי צוריקצונעמען אירע גאסן און ראטעווען לעבנס."

מיטן אריינפירונג פון סעמי'ס געזעץ, קען יעצט ניו יאָרק סיטי פארמינערן איר ספיד לימיט דורך לאקאלע געזעץ, מיטן אויסנאם פון הויפט שאסייען אין די דרויסנדיגע באראס. פארמינערן ספיד לימיט איז אן אויפגעוויזענע וועג צו פארמינערן די ריזיקע פון טויט אדער שעדיגונג דורכאויס וויהיקל עקסידענטן און ראטעווט לעבנס. אונטערשרייבן סעמי'ס געזעץ בויעט אויף גאווערנאר האקול'ס ארבעט צו פארבעסערן שאסיי זיכערהייט דורכאויס די סטעיט, פארברייטערנדיג קאמערע פראגראמען נעבן שולעס און הויפט אינטערסעקשאנס, אוועקשטעלדנדיג געלטער פאר טראפיק-בארואיגנדע פראגראמען, און שטעלנדיג ניו יארק סטעיט'ס ערשטע אויטאמאטישע ארבעט זאנע ספיד ענפארסירונג פראגראם.

**ניו יאָרק סיטי מעיאר עריק אדאמס האט געזאגט,** "קיין שום טאטע און מאמע זאלן דורכגיין די הארץ רייסעניש וואס סעמי'ס עלטערן זענען דורכגעאנגען, אבער סעמי'ס געזעץ וועט העלפן ראטעווען לעבנס און פארמיידן ערנסטע שעדיגונגען דורכן ערלויבן צו שטעלן פאסיגע ספיד לימיטס אויף ניו יאָרק סיטי גאסן. סיי אויב איינער גייט אריבער די גאס מיט א קינד, פארט אויף א ביציקל, אדער דרייוו'ט אונטערן רעדל פון א קאר, דארפן ניו יארקערס זיין פארזיכערט אויף אונזערע גאסן. איך אפלאדיר גאווערנאר האקול און אונזערע פארטנערס אין די סטעיט לעגיסלאטור פאר זייער פירערשאפט ביים אונז געבן די כלים וואס מיר דארפן האבן צו פארמערן זיכערהייט אויף אונזערע שאסייען."

**פאמיליעס פאר סעיף סטריטס קא-גרינדער און מאמע פון סעמי קאהען עקשטיין, עימי קאהען האט געזאגט,** "פארמינערן ספיד לימיטס ראטעוועט לעבנס, און איך בין איבערגליקליך אז היינט, טוט

גאווערנאר האקול אונטערשרייבן סעמי'ס געזעץ. דאס מיינט אזוי פיל נישט בלויז פאר מיין פאמיליע, נאר פאר אומצאליגע פאמיליעס דורכאויס ניו יארק וועלכע האבן דאס באקעמפט פאר יארן לאנג. איך בין שטאלץ צו מיטטיילן די געווינס מיט אלע מיטגלידער פון פאמיליעס פאר סעיף סטריטס, ערוועלטע באאמטע, און קאמיוניטי ארגאניזאציעס וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן אין דעם קאמף. אינאיינעם, וועלן מיר ווייטער קעמפן ביז קיין איין ניו יארקער ווייסט די אומבאגרייפליכע צער פון פארלירן א נאנטער צוליב טראפיק ווילדקייט."

**טראנספארטאציע אלטערנאטיוון עקזעקיוטיוו דירעקטאר דעני העריס האט געזאגט,** "ניו יאָרק סיטי דארף יעדע געצייג צו אפשטעלן טראפיק ווילדקייט. היינט, טוט גאווערנאר האקול אונטערשרייבן סעמי'ס געזעץ, א קריטישע געצייג צו האלטן מענטשן פארזיכערט. דער מאמענט וואלט נישט געווען מעגליך אן די אומערמידליכע אדוואקאסי פון עימי קאהען און אומצאליגע אנדערע מיטגלידער פון פאמיליעס פאר סעיף סטריטס וואס האבן איבערגעקערט זייער שרעקליכע פארלוסט צו א מאכטפולע אדוואקאסי. אונזער ארבעט ענדיגט זיך נישט דא, און מיר וועלן זיך ווייטער ארגאניזירן ביז יעדער קען פארן ארום ניו יאָרק סיטי אן קיין שרעק פון טויט אדער ערנסטע שעדיגונג."

**סטעיט סענאטאר ברעד הוילמאן-סיגעל האט געזאגט,** "סעמי'ס געזעץ איז טראנספארמירנד פאר גאסן זיכערהייט ווייל עס וועט ענדליך ערלויבן ניו יאָרק סיטי צו שטעלן אירע אייגענע ספיד לימיטס. אין 2020, האב איך ארייגעפירט די קאמאן-סענס טראפיק זיכערהייט לעגיסלאציע אין אנדענק פון סעמי קאהען עקשטיין, א יונגל וואס איז פאטאל באטראפן געווארן פון א ספיעדינג דרייווער בלויז מאנאטן איידער זיין דרייצנטע געבורטסטאג. זייט סעמי'ס טראגישע טויט, איז זיין מאמע עימי קאהען געווען אן אומערמידליכע טשעמפיאן פאר גאסן זיכערהייט דורך די ארגאניזאציע וואס זי האט קא-געגרינדעט, פאמיליעס פאר סעיף סטריטס, און האט אינספירירט צענדליגער אנדערע פאמיליע מיטגלידער וועלכע האבן פארלוירן נאנטע פאמיליע מיטגלידער צו טראפיק ווילדקייט צו אדוואקעיט'ן פאר נייע טראפיק פאליסיס צו ראטעווען לעבנס. ניו יארקערס זענען שולדיג פאר זיי א טיפע חוב פון דאנקבארקייט פארן העלפן טווישן די סצענע פון טראפיק זיכערהייט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנאר האקול, סענאט מאיאריטעט פירער סטוערט-קאזינס, מעיאר עדעמס און מיין לעגיסלאטיווע פארטנער אסעמבלי מיטגליד ראזענטאל פאר טשעמפיאנ'ען די וויכטיגע לעגיסלאציע און העלפן עס אריבערפירן עד הסוף."

**אסעמבלי מיטגליד לינדע ב. ראזענטאל האט געזאגט,** "סעמי קאהען עקשטיין און אומצאליגע אנדערע האבן פארלוירן זייערע לעבנס דורך אומפאראנטווארטליכע דרייווערס, אבער מיטן אונטערשרייבן סעמי'ס געזעץ וועלן מיר קענען פארמיידן צוקונפטיגע פאמיליעס פון דארפן דורכגיין די צער פון פארלירן א נאנטער אויף דעם אופן. איך בין זייער שטאלץ צו האבן גע'ספאנסער'ט די לעגיסלאציע און איך קען קויםווארטן עס צו זען איינגעפירט אין געגנטער דורכאויס די סיטי ווי עקסידענטן פירן אונז צו דארט וואו מיר דארפן פארמינערן ספידס. קיין איין פאמיליע זאל אמאל דארפן דורכגיין וואס די פאמיליעס זענען דורכגעגאנגען, אבער איך בין אויף שטענדיג דאנקבאר פאר די אלע געליטענע פאמיליעס און צו סעמי'ס מוטער, עימי קאהען, פארן איבערקערן איר ווייטאג צו פאטאס און נישט אויפגעבן ביז די מאסנאמען זענען געווארן אונטערגעשריבן אלס געזעץ. דער גאווערנאר, פאמיליעס פאר סעיף סטריטס און אלע אדוואקעיטס ווייסן אז נידריגערע ספיד לימיטס קענען ראטעווען לעבנס און דער געזעץ וועט אן קיין צווייפל טון פונקט דאס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן